# פרשת מצורע

**בס"ד. התוועדות י"א ניסן ה'תשמ"ב – שמונים שנה**

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

ווי דערמאנט פריער ווערט ערוואַרט פון יעדער מענטשן, אַז וויבאַלד אַז דער אויבערשטער גיט אים צייט און יאָרן אַז ער זאָל וואַקסן – זאָל ער וואַקסן צום אַלעם ערשטן אין דער נשמה און אין רוחניות, וואָס דאָס קומט צוזאַמען מיטן וואַקסן פון דעם גוף,

און ווי דער אַלטער רבי אונטערשטרייכט אין תניא, אַז גופם טפל ונפשם עיקר, אַז דער עיקר וואַקסן דאַרף גאָר זיין אין דער נשמה, און דורך דערויף, אַלס אַ טפל, וואַקסט אויך דער גוף,

וואָס אַט דאָ ווערט דאָך די שאלה וואָס מ'פרעגט, און ליידער איז דאָ גאָר אַזוינע וואָס פרעגן ניט נאָר אַליין מאַכן זיי שוין די מסקנות, כאַטש אַפילו די שאלה האָט דעם ריכטיקן ענטפער,

אַז וויבאַלד אַז ער איז געוואָרן מיט אַ יאָר עלטער, במילא איז ער דאָך שוין ניט ווי די וועלט מיינט מיט די כחות וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ יאָר פריער, באַרעכטיקט דאָס אים אַז ער זאָל עפּעס נאָכגעבן און טאָן ווייניקער אין די ענינים וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין שליחות,

און ווי עס פירט זיך גראָדע אין מדינה זו, וואָס זי איז דאָך געבויט געוואָרן אויף "מרץ", אויפגעבויט געוואָרן און מ'האָט דאָס אַוועקגעשטעלט אַלס אַ ציל, אַז מ'זאָל זען זיך אויפאַרבעטן, ביז וואַנענט אַז דאָס ווערט שוין אַמאָל איבערטריבן, און מ'מאַכט דערפון דעם עיקר, אַז אין וואָס באַשטייט זיך אויפאַרבעטן – אין די ענינים פאַרבונדן מיט כסף וזהב, ענינים פאַרבונדן מיטן גוף, און מ'מאַכט דערפון דעם עיקר,

און דווקא אין דער מדינה האָט מען איינגעפירט, אַז בשעת אַ מענטש ווערט אַלט עטלעכע און פערציק יאָר, ווער רעדט נאָך – פופציק יאָר, ווער רעדט נאָך – עטלעכע און פופציק יאָר – באַרעכטיקט דאָס אים, אַז ער זאָל שוין טראַכטן וועגן "רעטייער'ן", וועגן ווערן ווייניקער אַקטיוו אין זאַכן וואָס זיינען פאַרבונדן מיט מענטשלעכקייט, וואָס דאָס איז דער עיקר און דער תכלית פון זיין באַשאַף,

זאָגט אים תורת אמת, וואָס זי איז אויך תורת חיים, אַן אָנווייזונג אין לעבן, אַז "היום" איז דאָס "לעשותם":

כל זמן דער "נשמה שנתת בי", אַז דער אויבערשטער האָט אים געגעבן לעבן, און ער איז שוין עלטער פון פופציק יאָר, וואָס ווערט אָנגערופן בשם "עולם", אַ גאַנצע וועלט פאַר-זיך, און עלטער פון זעכציק יאָר, וואָס דעמולט איז ער יוצא פון דעם כלל, כמדובר, וואָס אין כאן המקום להאריך בזה, איז דאָס "היום לעשותם" – דאָס איז אַ ראַי' אַז ער דאַרף טאָן ניט ווייניקער פון פריער,

ואדרבא, וויבאַלד אַז זיין גוף איז צוגעקומען נאָך אַ יאָר, איז זיכער אַז נשמתו עיקר דאַרף צוקומען נאָך מערער וויפיל ס'איז צוגעקומען אין דעם יאָר פון דעם גוף.

דער אויבערשטער וויל אַז עס זאָל זיין "מחלב חטה ומצור דבש אשביעך", אַז אַ מענטש זאָל האָבן אַ לעבן אָן דאגות;



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת מצורע

אבער ער דארף זיין אן דאגות אין גשמיות; ברוחניות- טאר ער ניט זיין קיין שמח בחלקו ער טאר ניט ווערן באפרידיגט מיט די זאכן וואס ער האט געטאן און דערגרייכט ביז וואנענט ער איז געווארן פופציג יאר, ביז וואנענט ער איז געווארן זעכציג יאר, און אזוי ווייטער,

נאר אדרבא, "מי שיש לו מנה רוצה מאתים". אויב דאס איז אזוי אין זאכן פארבונדן מיט גשמיות'דיקע תאוה – איז דאך זיכער אז עס דארף זיין אזוי, און אין א גאר א גרעסערער מאס, אין זאכן וואס זיינען פארבונדן מיט דער נשמה,

וואס די נשמה האט קיין הנאה ניט פון כסף וזהב, אכילה ושתי', דאס איז מערניט ווי א ממוצע כדי זי זאל האבן א חיבור מיטן גוף, און קענען אויפטאן אין ממלא זיין איר שליחות, צו פארשפרייטן געטלעכקייט, וואס דאס איז פארבונדן מיט מענטשלעכקייט, ווארום דאס איז א מענטשלעכקייט מיוסד אויף געטלעכקייט, און טאן דאס אין אן אופן פון "ילכו מחיל אל חיל".

און אז ער זאגט די שאלה: היתכן, ער פילט דאך אז זיינע כחות זיינען צום איין און פופציגסן יאר ניט ווי ס'איז געווען בשעת ער איז געווען אלט פופציג יאר, עאכו"כ ניט ווי ווען ער איז געווען אלט "בן שלשים לכח", עאכו"כ ווען ער איז געווארן איין און זעכציג יאר און נאך עלטער –

ענטפערט מען אים, ווי דערמאנט פריער, דעם פתגם הידוע, אז בשעת מ'איז פארבונדן אויבן אט דעמולט פאלט מען ניט אונטן,

וואס דער פירוש בזה, דער אינעווייניקסטער אינהאלט און דער מיין אין דערויף איז דאך, אז בשעת מ'פארבינדט זיך מיט א זאך וואס זי געפינט זיך אויבן, מיט א זאך וואס זי איז למעלה מן הזמן ומן המקום – איז אע"פ וואס ער געפינט זיך אין זמן און אין מקום, און דער אויבערשטער וויל אז עס זאל זיין א נשמה בגוף, וואס דעמולט ווערט דאס פארבונדן מיט די באגרענצונגען פון זמן און מקום, אויך פון כחות הגוף –

גיט אים דער אויבערשטער די מעגלעכקייט ער זאל זיך פארבינדן אויבן, מיטן אויבערשטן, דורך דערויף וואס ער נעמט אויף זיך א הוספה אין אלע זאכן וואס זיינען פארבונדן מיטן אויבערשטן,

און זאל ניט טראכטן, אז וויבאלד אז ס'איז דא אן אונטן קען ער ח"ו דארט אראפפאלן, ווארום ער איז פארבונדן מיטן אויבן, און דער "אויבן" וויל דער אויבערשטער ער זאל דארטן זיין פארבונדן, במילא איז ער "עוזרו", אז ער באשליסט אזוי, העלפט אים דער אויבערשטער, ווארום ער איז פארבונדן מיטן אויבן, און דער "אויבן" וויל דער אויבערשטער ער זאל דארט זיין פארבונדן, במילא איז ער "עוזרו", אז ער באשליסט אזוי, העלפט אים דער אויבערשטער אז ער פירט עס דורך בתכלית השלימות, אין דער פולקאמענסטער מאס.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.